**גוט שבת אלע אידן.** די ספרים הקדושים זענען מסביר אז איינע פון די סיבות פארוואס דער אויבערשטער האט אריינגעשיקט די אידישע קינדער אין גלות מצרים איז געווען כדי זיי זאלן זיך אויסלערנען ווי צו זיין עבדים. גלות מצרים איז נאר געווען א הכנה צו קבלת התורה. ביי קבלת התורה זענען די אידן געווארן די עבדים פון דעם רבונו של עולם, אזוי ווי עס שטייט אין דער הייליגער תורה: "כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים אני ה' אלקיכם." (ויקרא כה,נה) איינע פון די ערשטע מצוות וואס די אידן האבן מקבל געווען ארויסקומענדיק פון מצרים איז געווען תפילין. די סיבה פארוואס תפילין זענען געווען איינע פון די ערשטע מצוות איז אפשר אזוי: די רצועות פון די תפילין סימבאלאזירן די קייטלעך פון א קנעכט. דער אויבערשטער האט געוואלט ווייזן פאר די אידן אז זיי זענען די קנעכט פון דעם רבונו של עולם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, אז די תפילין זאלן זיין א סימן אז "כי ביד חזקה הוצאך ד' ממצרים." (שמות יג,ט) ד"ה, די תפילין זאלן זיין א סימן אז די אידישע קינדער האבן אויפגעהערט צו זיין פרעה'ס עבדים און זיי זענען געווארן די עבדים פון דעם אויבערשטען.

תפילין, אזוי ווי אלע מצוות, ווייזט דעם ליבשאפט וואס דער באשעפער האט פאר זיין עם סגולה. אזוי ווי דער של"ה הקדוש ברענגט: "ולשון מצוה צוותא..." מצוה איז א לשון פון באהעפטען. (מסכת יומא ־ פרק דרך חיים, תוכחת מוסר טז) ד"ה, ווען איינער טוט א מצוה, בפרט דער מצוה פון תפילין, באהעפט ער זיך צו, צום רבונו של עולם. די פאלגענדע מעשה ווייזט די געוואלדיגע כח פון תפילין צו מעורר זיין דעם ליבשאפט צווישן א איד און זיין באשעפער.

אין די זומער טעג פון תש"ס פלעגט מרדכי קאלער (זיין עכטע נאמען) זיך מתנדב זיין ארויסצוהעלפן אין א "מושב זקנים" (א היים פאר עלטערע מענטשן) אין וואשינגטון סטייעט. די מושב זקנים איז געווען נעבאך פול מיט עלטערע אידן וועלכע האבן נאך נישט געקענט דעם בורא כל העולמים. יעדן טאג פלעגט מרדכי ארומגיין אין דער מושב זקנים זוכן אידן צו משלים זיין דעם מנין. עטליכע מענטשן האבן מסכים געווען צו קומען יעדן טאג צום מנין, אבער ליידער האבן עטליכע זיך צוריקגעהאלטן צו קומען צום מנין, צוליב מידקייט אדער ווייל זיי זענען פשוט נישט געווען קיין פרומע. אפילו די אידן וועלכע האבן נישט געוואלט קומען צום מנין, האבן זיך שיין אויפגעפירט מיט מרדכי ווען ער איז געקומען בעטן פון זיי זיך צו משתתף זיין. אבער עס איז געווען איין איד, משה קליין (נישט זיין עכטע נאמען), וואס איז נעבעך נישט געווען אזוי שיין מיט מרדכי. מר. קליין האט גערעדט שארפע ווערטער ווען מען איז געקומען בעטן פון אים צו משלים זיין דעם מנין.

מרדכי האט געוואלט מקרב זיין מר. קליין. איין טאג איז מרדכי געגאנגען צו מר. קליין'ס שטוב, וואו ער האט געזען מר. קליין זיצן אין זיין ווילטשעיר, און ער האט געפרעגט מר. קליין פארוואס ער איז געווען אזוי שטארק קעגן צו קומען צום מנין. מר. קליין האט אנגעהויבן צו דערציילן זיין טרויעריגע מעשה, וואס איז א מעשה פון א צובראכענער איד:

מר. קליין האט געשטאמט פון א חשובה משפחה אין פולין פאר די מלחמה. ביי די 12 יאר האבן די דייטשן ימ"ש, אוועקגענומען די גאנצען קליין משפחה צום לאגער. די רשעים האבן געהרג'עט די מאמע און אלע קינדער, נאר דער משה'לע מיט זיין טאטע'ן זענען געבליבן לעבן, אבער פארשלעפט זענען זיי געווען אין א שווערע לאגער.

אין שלאפהויז פון לאגער ווי משה מיט זיין טאטע זענען געשלאפן, איז געווען א איד וואס האט אריינגעשמאוגעלט, מיט מסירת נפש, איין תפילה (תפילין) של ראש. יעדען טאג האבן די אידן פרובירט צו אריינכאפן דעם געלעגענהייט צו לייגען דער תפילה (תפילין) של ראש, אפילו אויף א רגע, ווען די דייטשע רשעים האבן געלאזט די אידן א פאר מינוט מנוחה. די אידן האבן געוואוסט אז זיי האבן נישט מקיים געווען די מצוה פון תפילין כתיקונו, אבער ביי זיי איז דער מצוה פון תפילין געווען אזוי באליבט, אז אפילו א פאר סעקונדעס מיט דער תפילה (תפילין) של ראש האט זיי אריינגעברענגט דער שמחה של מצוה.

אין די צייט ווען משה און זיין טאטע זענען געווען אין לאגער, האט משה געהאלטן פאר זיין בר מצוה. פאר משה'ס טאטע, איז עס נישט געווען גענוג אז משה זאל לייגען נאר די תפילה של ראש ביי זיין תפילין לייגען. נאר, זיין טאטע האט געוואלט פארשאפן פאר זיין זון א ריכטיגע פאר תפילין (ד"ה של ראש און של יד) פאר דעם בר מצוה בחור'ס תפילין לייגען אין לאגער. זיין טאטע האט געהערט וועגן א פאר תפילין וואס איינער פון די קדושים און טהורים האט איבערגעלאזט נאך זיין טראגישע פטירה דורך די רשעים, ימ"ש.

אויפ'ן טאג פונעם תפילין לייגען, איז משה'ס טאטע אויפגעשטאנען א ביסל פריער, כדי צו גיין ברענגען די תפילין אן קיינער זאל אים נישט באמערקן. פארשטייט זיך איז עס געווען א גרויסע סכנה צו ארויסגיין פונעם שלאפהויז אן רשות אזוי פרי צופרי. אבער, פאר משה'ס טאטע איז די מצוה פון תפילין געווען אזוי באליבט, אז ער איז גרייט געווען אוועקצוגעבן אלעס פאר'ן מצוה. ליידער, אזוי איז עס טאקע אויסגעקומען...

משה איז געשטאנען ביים פענסטער ווארטענדיק מיט א אומרוהיגקייט, אז זיין טאטע זאל שוין צוריק קומען. פון ווייטנעס האט משה געקענט זען זיין טאטע זיך איילן צוריקצוקומען צום שלאפהויז. ווען זיין טאטע האט זיך דערנענטערט, האט משה געזען אז ער האט געהאלטן עפעס אין זיינע הענט. פונקט פאר זיין טאטע איז אריינגעקומען אין שלאפהויז, האט א דייטשע סאלדאט, ארויסגעשפרינגען פון הינטער א בוים און אנגעהויבן שיסען. ליידער האט משה געזען פאר זיינע אויגן ווי זיין טאטע איז עולה אלס קרבן רח"ל אין די טאג פון משה'ס תפילין לעגן! ווען דער מערדערער איז אוועקגעגאנגען, איז משה ארויסגעגאנגען צו זיין טאטע און ער האט גענומען דעם תפילין בייטל וואס איז געלעגן אויף דער ערד לעבן זיין טאטע, הי"ד.

נאכדעם וואס מר. קליין האט געענדיגט דערציילן זיין מעשה, האט ער געבעטן פון מרדכי אז ער זאל גיין עפענען א געוויסע לעדל. מרדכי האט געעפענט דעם לעדל און ער האט געזען א קליינע תפילין בייטל. "געב עס פאר מיך," האט מר. קליין געהייסן. מר. קליין האט געעפענט דעם בייטל און ארויסגענומען א פאר תפילין. "דאס איז וואס מיין טאטע האט געהאלטן דעמאלס. איך האלט עס צו ווייזן פאר מענטשן וועגן וואס מיין טאטע איז געשטארבן. די תפילין זענען די לעצטע זאך וואס איך האב פון מיין טאטען. מרדכי איז געווארן אינגאנצען איבעראשט. וואס קען ער יעצט זאגן פאר מר. קליין. מרדכי איז ארויסגעגאנגען פון מר. קליין'ס שטוב, און ער האט זיך מיישב געווען נישט צוריק צו קומען צו אים.

א פאר טעג שפעטער, האט מען ווייטער געזוכט א מנין אין דעם מושב זקנים. מרדכי איז ארומגעגאנגען זוכן א צענטער צום מנין. עס איז נעבעך קיינער געווען אינטערעסירט צו משלים זיין דעם מנין. מרדכי האט נישט געהאט קיין ברירה, ער איז געגאנגען פרעגן דעם מר. קליין. ער האט אבער מורא געהאט אז מר. קליין וועט אים אנשרייען מיט קולות. "זייט מוחל," האט מרדכי געזאגט מיט הכנעה צו מר. קליין, "אבער, מ'זיכט א צענטער, איר ווילט אפשר קומען נאר איין מאל?"

"איך בין מסכים אויב דו וועסט מיך פון דעמאלס אפלאזן." האט מר. קליין געזאגט מיט א שארפקייט. "...איר ווילט אפשר מיטנעמען אייערע תפילין?" האט מרדכי ווייטער געפרעגט. מר. קליין האט מסכים געווען צו קומען צום מנין נאר אויף די מאל. ער האט מיטגענומען די תפילין. ווען זיי זענען אנגעקומען צום קליינען שול אין דעם מושב זקנים, האט מרדכי זיך געשטארקט צו פרעגן מר. קליין אויב ער האט געוואלט לייגען דעם תפילין. מרדכי האט בכלל נישט געוואוסט אויב די תפילין זענען געווען כשר, צוליב דעם וואס עטליכע 60 יאר זענען פארבייגעגאנגען. אבער, עס איז געווען א שעת הכושר, און מרדכי האט געוואלט אריינכאפן דעם געלעגענהייט. מרדכי האט געהאלפן מר. קליין לייגען תפילין און נאכדעם איז ער ארויס געגאנגען פונעם שול. (מרדכי אליינס האט נישט געקענט משלים זיין דעם מנין ווייל ער האט געדארפט ארבעטן בשעת המנין.)

נאכן דאווענען, איז מרדכי צוריקגעקומען צום שול, כדי צוריקצופירן דעם אלטן מר. קליין צו זיין שטוב. ווען מרדכי איז אריינגעקומען, האט ער געטראפן מר. קליין אליינס אין שול וויינען. מר. קליין איז געזעסן אין זיין ווילטשעיר ארומגעוויקעלט מיט די רצועות פון די תפילין זאגענדיק עפעס נאכאמל און נאכאמל אין א נידריגע שטימע. מרדכי האט זיך דערנענטערט צו הערן וואס מר. קליין האט גערעדט. "טאטע, טאטע, עס פילט אזוי ריכטיג..." האט מר. קליין געזאגט מיט זיין פנים נאס פון טרערן.

מר. קליין האט באמערקט אז מרדכי איז אריינגעקומען, האט ער אנגעהויבן צו דערציילן פאר מרדכי, "ווען אין די לעצטע האלבע שעה, האב איך זיך געשפירט אזוי נאנט מיט מיין טאט'ן, איך פיל אז ער איז צוריקגעקומען צו מיר.

און אזוי איז עס געווען פון דעמאלס. יעדן טאג פלעגט מרדכי אריינפירן מר. קליין אין שול. מר. קליין פלעגט זיצן אין א ווינקעל, אנגעטון מיט א טלית און תפילין, האלטענדיג א סידור, דאווענען הערציגע תפילות צום באשעפער.

איין טאג ווען מרדכי איז געגאנגען צו ברענגען מר. קליין צום מנין האט ער געטראפן זיין שטוב ליידיג. מרדכי איז געלאפן צו די שוועסטער (נורס) פרעגענדיק וואס איז געשען צו מר. קליין. זיי האבן אים געענפערט אן ענטפער וואס ער האט מורא געהאט צו הערן. מר. קליין איז שוין נישט אויף די וועלט. ער האט שוין צוריקגעגעבן זיין נשמה צו דעם בורא כל העולמים אין די נאכמיטאג שעות פון דעם פריעדיגע טאג.

שפעטער איז מרדכי געוואר געווארן וועגן מר. קליין'ס לעצטע שעות. ווען זיי האבן געטראגן מר. קליין צום שפיטאל, האט ער גערופן זיין טאכטער אז זי זאל ברענגען זיין תפילין צו אים אין שפיטאל. מר. קליין האט געשפירט אז ער גייט שוין אויס, האט ער געוואלט דאווענען כאטש נאך איין מאל מיט די תפילין. באלד נאכדעם וואס מר. קליין האט געלייגט די תפילין, האט ער צוגעמאכט זיינע אויגן פאר דעם לעצן מאל, מיט זיין טאטע'ס תפילין אנגעטון אויף אים, (ד"ה דער אייבערשטער'ס תפילין אויף אים.) ער איז נפטר געווארן א צדיק גמור, אזוי ווי חז"ל זאגן "יש קונה עולמו בשעה אחת, ויש קונה עולמו בכמה שנים." עס זענען דא מענטשן וועלכע זענען זוכה צו עולם הבא דורך טון תשובה אפילו אין די לעצטע רגע פון לעבן, און עס זענען מענטשן וועלכע זענען זוכה צו עולם הבא דורך יארן פון לערנען, און טון מצוות און מעשים טובים וכו'. (עבודה זרה י:)

דורך זיך מתבונן זיין אין די פלא'דיגע מעשה קענען מיר זיך מחזק זיין אין דעם חשיבות פון דער מצוה פון תפילין. מיר זאלן אנקוקן אויף דער מצוה פון תפילין אלס א געלעגענהייט זיך צו באהעפטען צום רבונו של עולם און צו מעורר זיין דעם געוואלדיגע ליבשאפט צווישן דעם אייבערשטען און זיין "עם סגולה", אזוי ווי מען זאגט "וארשתיך לי לעולם. וארשתיך לי בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים. וארשתיך לי באמונה, וידעת את ה'." **גוט שבת אלע אידן**

**נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י**

**לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)**

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**